פ' אח"ק תשפ"ה לפ"ק

גליון שצ"א

מרומם זיין
עבודת התפלה
וקדושת ביהמ"ד
מיט די "הייליגע
קבלה" נישט
צו רעדן ביים
דאווענען

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

# "איך בין געגאנגען פון איין אקאונטענט צום צווייטן, אבער יעדער האט מיר געזאגט די זעלבע זאך: ס'איז נישט דא וואס מ'קען טון!"

**אל** כבוד המערכת החשובה העוסקים בלו"נ לקדש שם שמים בעולם.

איך וויל אייך איבערגעבן א גאר וואונדערליכע געשיכטע וואס בדידי הוה עובדא, א דאפעלטע ישועה צו וואס איך האב ב"ה זוכה געווען בזכות די קבלות למען קדושת ביהמ"ד.

ס'איז געווען דעם פאַרלאָפענעם יאר, חשון תשפ"ד, ווען איך האב באקומען א **שטרענגער בריוו פון די IRS**, די שטייער איינמאָנער פון דער אמעריקאנער רעגירונג, וועלכע מעלדן מיך נישט מער און נישט ווייניגער: א '**פענעלטי**' פון '**אַכט און דרייסיג טויזענט דאלער**' וואס איך דארף באצאלן!

איך דארף אייך נישט זאגן די דאגה וואס האט מיך באטראפן. אזא סכום! זיי האבן זיך ארויפגעלייגט אויף זאכן נאך פון צוויי יאר פריער, אז ס'איז א שטראף אויף דעם וואס איך האב נישט גענוג צייטליך געפיילט קיין שטייערן פאַר מיינע אַרבעטער. איך בין געווען מורא'דיג פארלוירן. דאס איז דאך א ריזיגע סומע!

איך בין געגאנגען פון איין אקאונטענט צום צווייטן, צו זען ווער ס'קען מיך העלפן. איך האב מיך געבעטן "אפשר קוקט איר אריין אין מיין פייל"?! אבער יעדער האט מיר געזאגט די זעלבע זאך, "ר' איד טייערער, מיר שוינען דיך זייער, אבער ס'איז נישטא וואס מ'קען טון!"

אלע עקספערטן האבן מיר געווארנט, אז ס'איז א שאד מיין צייט. דער שטייער-ביל וועט נישט ווערן פארמעקט קיינמאל, און אפילו אויב וועט מיר געלונגען 'עפעס' צו פועל'ן, וועט עס זיין אויף נאר ממש א קליינליכע סומע, א נישטיגקייט. נישט ווערד דער קאמף - האבן מיך אלע אפגעשראקן.

איך האב פרובירט לכה"פ וואס איך קען. איך האב ארייגעשיקט א 'רעספאַנס' בריוו זיך צו פארענטפערן. דאס איז אן אפיציעלע רעאַקציע פון מיר, וואו איך ערקלער אז איך בין נישט שולדיג, און ס'קומט זיך מיר נישט דער שטראָף.

אבער, איך האב גארנישט צוריקגעהערט. כ'האב גערופן די IRS און ס'איז פשוט נישט געווען צו וועמען צו רעדן. ס'איז אדורך איין חודש, נאך א חודש, און ס'האבן אנגעהויבן קומען פון זיי נאך בריוון, נאך בריוון, נאך שארפער און נאך שארפער, אז איך מוז עס שוין באצאלן!

איך בין געווען אובד עצות. ס'האט מיך שרעקליך וויי געטון, אזא סומע זאל גיין אין דער לופט אריין. ס'איז מיר נישט גרינג איינגאנצן צוזאמצוקראצן אזא ריזיגן סכום.

אזוי איז אַריבער די צייט, ביז ס'איז אנגעקומען פסח תשפ"ד.

*

ס'איז געווען ערב יום טוב, איך בין געווען זייער צעמישט וועגן די מעשה, און איך האב באשלאסן אז איך נעם זיך אונטער אז איך גיי נישט רעדן ביים דאווענען!

את חטאי אני מזכיר היום. כ'וועל אייך זאגן זייער אויפריכטיג, אבער איך בין געווען א איינגערמאן וואס איז ליידער נישט אָפּגעהיטן געווען. איך פלעג זיך געמיטליך שמועסן ביים דאווענען און רעדן ביים ליינען. ליידער. איך שעם זיך אליין היינט פון מיר, ווען איך קוק צוריק. אבער דעמאלט האב איך נישט צוגעלייגט גענוג קאפ צו די הארבקייט דערפון.

זייענדיג אין אזא פראבלעם,

המשך אויף עמוד ב'

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

**וְכַרְמְךָ לֹא תְעוֹלֵל וּפֶרֶט כַּרְמְךָ לֹא תְלַקֵּט**

'**כרמך**' איז א רמז אויף תפילה, ווי די גמרא (ברכות ו:) טייטשט דעם פסוק 'כרו"ם זלות לבני אדם', אז דאס גייט ארויף אויף תפילה. 'תעוללי' איז א לשון פון שפעטן, ווי עס שטייט (במדבר כב, כט) 'כי התעללת בי'.

די פסוק זאגט, **וכרמך לא תעולל**, זאלסט נישט שפעטן און מזלזל זיין אין דיין תפילה, **ופרט כרמך לא תלקט**, כאטש מען האט נאכנישט צוזאמגעקליבן די פרטים אויף וועלכע מען האט מתפלל געווען, מען איז נאכנישט געהאלפן געווארן, **'לעני ולגר תעזוב אותם'**, דאס איז א רמז אויף די שכינה הק', ווייל אלע תפילות ווערן נתקבל לרצון, און דאס גיבט כח און הילף ('תעזוב' איז א לשון פון העלפן) פאר די שכינה הק' וואס איז 'דלה ועניה', און עס טוט אויף גרויסע תיקונים בשמי מעל.

## סוֹד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

מרן רבינו הרמ"א זצ"ל
נפ' י"ח באייר של"ב

**וּמִכָּל מָקוֹם לֹא יַעֲסֹק בְּשׁוּם דָּבָר, אֲפִלּוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה אָסוּר לְהַפְסִיק וְלַעֲסֹק כָּל זְמַן שֶׁהַצִּבּוּר אוֹמֵר פִּיּוּטִים, כָּל שֶׁכֵּן שֶׁאָסוּר לְדַבֵּר שׁוּם שִׂיחָה בְּטֵלָה.**

(רמ"א סימן סח, סעיף א')

## נעם שיח

דבר המערכת • הרב ב. צ. הירש

# פועל ישועות

**א**יין נאכמיטאג רופט מיר א כולל יונגערמאן פון ארץ ישראל, ער איז יעצט אין עירפארט מיט צוויי חברים אויפן וועג קיין אייראפע, זיי ווילן גיין אויף מקומות הקדושים, און צוליב וואס זיי האבן געדאווענט מעריב בציבור, זענען זיי אנגעקומען דריי מינוט שפעט, און פארפאסט דעם פליגער. נייע טיקעטס קאסט נאך אן אלף'ל, ער פרעגט מיר צי איך ווייס אפשר איינער פון די אמעריקאנער עשירים וואס וואלטן געזוכט א שליח ביי די קברי צדיקים, און ווילן צאלן טיקעטס פאר ארץ ישראל'דיגע כולל יונגעלייט?

אז א איד בעט א טובה דארף מען פרובירן, אבער לא עלתה בידינו.

א טאג שפעטער האב איך אים גערופן פרעגן צי ס'איז עפעס געווארן, זאגט ער: "יא, אוודאי, מיר זענען געבליבן אין ירושלים..." פון זיין שטימע האב איך גארנישט געהערט קרעכצן. ער זאגט: אויב דער סיבה פון פארשפעטיגן איז געווען וועגן א מעריב בציבור, האט זיך עס געלוינט!

אויב איינער האט פארשפעטיגט א פליגער צוליב א תפילה בציבור, זאל ער וויסן אז ער האט גארנישט דערלייגט. חז"ל זאגן אז מיט איין 'אמן יהא שמיה רבה' בכל כוחו ובכוונה, קען מען צערייסן א גזר דין פון זיבעציג יאר. אז מ'איז טאקע מחשיב יעדן קדיש, מ'וויל נישט פארפאסן אפילו 'איין' יהא שמיה רבה, קען מען ביי זיך אין ביהמ"ד פועל'ן ישועות גדולות, נישט ווייניגער ווי ביי קברי צדיקים יענעם עק וועלט. - א יוצא לדרך האט טאקע אנדערע הלכות, אבער לאחר המעשה, אויב מ'האט אזוי געפירט פון הימל, זאל מען וויסן אז דאווענען בציבור איז דער גרעסטער מקור צו פועל'ן ישועות ורפואות.

*

**ס'איז** מקובל ביי חסידים מדור דור, אז מ'קען פועל'ן ישועות ביי צדיקים אשר בארץ המה. חז"ל זאגן אונז 'גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם', עס האט אפילו א סמך מן התורה, אז כלב בן יפונה איז געגאנגען מתפלל זיין ביי קברי אבות אז ער זאל זיך קענען היטן מעצת המרגלים.

ס'איז היינט א וועלט וואס מ'הערט ווי אידן ווערן געהאלפן ביי קברי צדיקים למעלה מדרך הטבע, עס טוט זיך א געפארעכץ צו קברי צדיקים, יעדן חודש אויף אן אנדערע קאנטינענט, און ווי געזאגט, דער רבוש"ע האט געגעבן כח פאר די צדיקים צו העלפן אידישע קינדער בגלות המר.

מיר דארפן אבער געדענקען ווער ס'איז דער גרעסטער פועל ישועות אויפן גאנצן כדור הארץ. - **דער הייליגער באשעפער!** 'ואלקים מלכי מקדם פועל ישועות בקרב הארץ!' דער רבוש"ע איז דער גרעסטער בעל מופת אינעם היינטיגן דור! אזוי זאגן מיר יעדן צופרי ביים דאווענען: 'כי הוא לבדו מרום וקדוש, פועל גבורות, עושה חדשות, בעל מלחמות, זורע צדקות, מצמיח ישועות, בורא רפואות, אדון הנפלאות', ער קען פוקד זיין עקרות, העלפן מיט שידוכים, ברענגען פרנסות, ער קען אלעס העלפן, אפילו זאכן וואס לייגן זיך בכלל נישט אויפן שכל און זענען למעלה מדרך הטבע ממש.

די מגידי הדור זאגן: "אז מ'וויל דער עולם זאל קומען ערליך דאווענען אין שול, און זיך אויסגיסן דאס הארץ צום באשעפער, דארף מען אהינלייגן א ציון פון א פריערדיגן צדיק זי"ע, און דער עולם וועט קומען צו לויפן זיך אויסגיסן דאס הארץ..."

בדרך צחות ודרוש קען מען זאגן, דעריבער איז דער מנהג ישראל צו לייגן א 'שטיין' ביים אנהייבן בויען א בית המדרש, כדי להתוודע ולהגלות פארן ציבור, אז דער מקור הישועות פון אונז אידן איז אין דער בית המדרש! דארט ביים ארון הקודש וואו צדיקים האבן זיך משטתח געווען, און גע'פועל'ט ביים אויבערשטען זייערע צרכים, אין דעם זעלבן בית המדרש קען יעדער איד פועל'ן ישועות גדולות.

חז"ל האבן אריינגעלייגט אין אונזערע תפילות וואס מיר דאווענען, די פונקטליכע ווערטער, און די גענויע צוגאנג צו פועל'ן ישועות בכל הענינים. ווען א איד קומט אריין אין דער 'בית מקדש מעט', מיט דער ריכטיגער אמונה, אז ער גייט זיך יעצט אויסטון פון דער וועלט, ער גייט איינרייסן ביים באשעפער, ער וועט מקיים זיין דעם 'לפני ה' ישפוך שיחו', ווי צדיקים האבן געטייטשט, זיך דורכשמועסן מיטן כביכול, וועט ער דארט אין בית המדרש פועל'ן מופתים למעלה מדרך הטבע! דער רבוש"ע האט קלאר געלאזט וויסן דורך זיינע חכמים ז"ל (ברכות ו.) 'אין תפילתו של אדם נשמעת אלא בבית הכנסת'.

לאמיר נעמען א דוגמא די הייליגע תפילה פון 'בריך שמיה', דער הייליגער תנא האלוקי רבי שמעון פון מירון זי"ע, צו וועם אידן האבן אזא השתוקקות, און ווארטן שוין בכליון עינים ווען מ'וועט זיך קענען אריבערכאפן, ער אליין שרייבט אין ספר זוהר הק', אז ביי פתיחת הארון איז גאר א שטארקער עת רצון, און ער האט מתקן געווען דעם ספעציעלע תפילה צו זאגן דעמאלס. וכל מי שמאמין ברבי שמעון, קען פועל'ן ביי יעדע פתיחת הארון, זיך אויסצובעטן כל משאלות לבו לטובה.

*

**האפנטליך** ווערן די טראוועל אגענטן נישט ברוגז ווערן מיט די נייעס וואס מ'איז דא מפרסם פארן ציבור... אבער מורי ורבותי, נישט אלץ פעלט אויס איבערצולאזן די משפחה; אוועקצוגיין פון דער ארבעט; צאלן אלפים פאר טיקעטס; מ'דארף נאר אויספירן די הדרכות וואס חז"ל האבן געהייסן, און מ'קען אפילו טוישן א גזירה של שבעים שנה!

צומאל פעלט טאקע אויס נאך מליצי יושר ביים בי"ד של מעלה צו מבטל זיין א גזירה, אבער דער מקור הישועות איז אין א בית המדרש! מ'דארף מחזק זיין דער מקור הישועות, פארשטיין וואס ס'מיינט זיך שטעלן רעדן צום מלך מלכי המלכים בשעת דער טיר איז אפן, ער וויל הערן, ער וויל העלפן, און אז מ'וועט בעטן לויט ווי חז"ל האבן געהייסן, וועלן די ישועות זיך גיסן בבני חיי ומזוני וכל טוב סלה.

## הוא מושיענו

המשך פון עמוד א'

האב איך באשלאסן אז דאס איז עס! איך נעם זיך אונטער א פעסטע קבלה, אז איך וועל נישט רעדן ביים דאווענען! איך גיי רעדן נאר צום בורא עולם, און איך גיי זיך אויסבעטן צו אים ער זאל מיך ארויסנעמען פון מיין קלעם!

אבער ווען איך נעם א זאך, נעם איך עס מיט די גאנצע ערנסטקייט. נישט קיינע מעשיות... עס דארף זיין בשלימות, פעסט!

איך האב מיר געמאכט א לוח'ל, צווישן מיר און באשעפער, און איך האב זיך געצייכנט אליין יעדן טאג וואס איך רעד נישט ביים דאווענען. יא, כ'האב געמאכט א "טשאַרט", און זיך פארשריבן.

נאך א טאג, געדאווענט ריכטיג ווי א איד.

נאך א טאג, מתפלל געווען פארן הייליגן באשעפער, און נישט אויסגערעדט!

אזוי איז געגאנגען טאג נאך טאג. איך צייכן נאך א טשעק און נאך א טשעק.

ס'איז געקומען עטליכע טעג נאך שבועות. איך קום אן צו מיין אפיס, איך עפן די פּאָסט, און איך זע אַן ענוועלאופּ פון די IRS. איך האב מורא געהאט שוין צו עפענען דעם קאָנווערט.

איך מאך עס אויף מיט ציטערדיגע הענט.

עס איז א 'ביל'. עס איז אויסגעשטעלט ווי א געווענליכער שטייער ביל.

אבער די ציפערן אונטן צייגן: 000. זעראו זעראו זעראו. און איך קום זיי נישט גארנישט!

איך שטיי און איך שטוין. איך קען עס נישט גלייבן.

איך קוק אויף דעם דאטום ווען דער בריוו איז געמאכט געווארן, און איך כאפּ א שאק.

ס'איז פונקטליך דעם טאג וואס איך האב געענדיגט די פערציג טעג נישט צו רעדן ביים דאווענען!!!!

*

ס'איז געווען מורא'דיג א שטארקע זאך פאר מיר, איך דארף אייך נישט דאס דערציילן, אזא אפענע ישועה, ממש נישט צום גלייבן. איך האב עס מפרסם געווען צווישן מיינע חברים און זייט דעמאלס האב איך אנגעהויבן מיט א פעסטקייט

המשך אויף עמוד ח'

# בַּמֶּה מַדְלִיקִין

## דער מנהג פון זאגן 'במה מדליקין'

**אן** אור-אלטע מנהג וואס איז געווען איינגעפירט בכל תפוצות ישראל, איז דאס זאגן דעם פרק '**במה מדליקין**' פון מסכת שבת, איידער תפילת מעריב פון ליל שבת קודש. דער מנהג ווערט אראפגעברענגט און גע'פסק'נט אין **שולחן ערוך סימן ע"ר** (סעיף א): '**ונוהגים לומר פרק במה מדליקין. והספרדים אומרים אותו קודם תפילת ערבית, והוא הנכון**'.

אין **טור** שטייט דער טעם, וויבאלד עס שטייט דארט די דינים פון הדלקת הנרות, ווי אויך די 'ג' דברים הנאמרים בתוך ביתו ערב שבת עם חשיכה', דעריבער איז עס די פאסיגע צייט צו זאגן, כדי זיך צו דערמאנען די הלכות.

דער **בית יוסף** זאגט אויפן פלאץ, אז פון די ווערטער פונעם טור איז משמע, אז זייער מנהג איז געווען עס צו זאגן נאך תפילת ערבית, און אזוי פירן זיך טאקע די אשכנזים, אבער דער מנהג פון די בני ספרד איז צו זאגן 'במה מדליקין' איידער מעריב, וואס דאס איז מער אויסגעהאלטן, וויבאלד נאך מעריב איז שוין ממילא נישט שייך צו מתקן זיין די זאכן.

די שפעטערדיגע אחרונים זענען שוין דן, אז לכאורה היינט צוטאגס איז בכלל נישט שייך דער טעם, וויבאלד מיר קומען אין ביהמ"ד דאווענען בשעת מען קען שוין נישט מתקן זיין די אלע זאכן, אויסערדעם איז דער **מגן אברהם** מעורר (סק"א), אז עס איז בכלל נישט דער סדר היינט צוטאגס צו צינדן מיט די אלע פתילות ושמנים הפסולים וואס ווערט דערמאנט אין דער משנה.

אבער פונדעסטוועגן איז געבליבן דער מנהג סיי ביי די אשכנזים און סיי ביי די ספרדים צו זאגן דעם פרק 'במה מדליקין' יעדן פרייטאג צונאכטס. די איינציגסטע חילוק אין די מנהגים איז בנוגע שבת חנוכה און שבת חול המועד, וואס די אשכנזים זאגן עס נישט, און די ספרדים יא, און עס ווערט געזאגט מיט א ספעציעלער תנועה.

## טעמים פון דעם מנהג

**דער שבלי הלקט** (סימן סה) זאגט, אז דער טעם פון זאגן 'במה מדליקין' איז די זעלבע פון די תקנה צו זאגן 'ברכת מעין שבע', וואס דאס איז: וויבאלד אין די פריערדיגע צייטן פלעגן די בתי כנסיות זיך געפינען אויסערן שטאט, און פרייטאג צונאכטס קומט דאך יעדער אין שול, און עס זענען דא מענטשן וועלכע קומען אן שפעט. וועגן דעם האט מען מתקן געווען אז דער ציבור זאל זיך אויפהאלטן אין שול נאך מעריב און זאגן פארשידענע זאכן, כדי אויסצוווארטן די מענטשן וואס זענען געקומען שפעט, אז זיי זאלן נישט דארפן אהיימגיין אליין.

דער **ב"ח** זאגט נאך א טעם, אז מען פלעגט אמאל דאווענען מעריב ווען עס איז נאך געווען טאג, און אויב איינער האט געוואלט צוווארטן מיט קידוש ביז עס ווערט נאכט, האט ער אויסגענוצט די ליידיגע צייט צו לערנען 'במה מדליקין'. וויבאלד מען לערנט דארט וועגן די פתילות ושמנים וואס מען טאר נישט נוצן צוליב 'שמא יטה', וועט זיך דער מענטש דערמאנען נישט צו משתמש זיין לאורה פון די נרות, ווי אויך אויב האט מען נישט גע'מעשר'ט די פירות וועט ער עס נישט עסן, א.א.וו.

א העכסט-אינטערעסאנטער טעם שטייט אין די הגהות '**עתים לבינה**' אויפן ספר העתים, וואס איז נתחבר געווארן דורך **הגאון רבי יעקב שור**, אז די סיבה פון לערנען במה מדליקין, איז 'להוציא מליבם' פון די פארשאלטענע כת הקראים, וועלכע האבן געהאלטן אז מען טאר נישט לאזן ברענען קיין לעכט שבת, נאר מען דארף זיצן אין דער טונקל, נוצנדיג דעם פסוק פון 'לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת'.

וועגן דעם האט מען מתקן געווען צו זאגן יעדע וואך דעם פרק פון במה מדליקין, כדי מען זאל לערנען די משנה פון 'במה מדליקין' און 'במה אין מדליקין', צו וויזן און מפרסם זיין אז עס איז בכלל נישט קיין שאלה צי מ'מעג צינדן, נאר די גאנצע שאלה איז מיט וואס מען מעג יא אדער נישט צינדן, און אדרבה עס איז א חיוב און מצוה אנצוצינדן נרות שבת.

ביי חסידים האט מען משנה געווען דעם מנהג, און אנשטאט זאגן 'במה מדליקין' האט מען אנגעהויבן זאגן דעם מאמר 'כגוונא' פון זוהר הקדוש.

## א חסיד'ישע תורה פונעם 'שואל ומשיב'

**א**ין שטאט סקאליע אין גאליציע האבן געוואוינט אגאנץ יאר בלויז עטליכע צענדליגער חסיד'ישע משפחות, אבער עס פלעגן כסדר קומען הונדערטער אידן צוגאסט, וויבאלד עס איז געווען א רואיגע פלאץ וואו אידן פלעגן קומען לצורך רפואה.

ווי פארשטענדליך האט מען אינעם בית המדרש געדאווענט ווי חסידים, נוסח ספרד, אבער וויבאלד רוב פון די געסט זענען געווען אשכנזים, איז אנטשטאנען א גרויסע מחלוקה אין בית המדרש. די געסט האבן גע'טענה'ט אז וויבאלד זיי זענען רוב, און זיי האלטן אויס דעם גאנצן ביהמ"ד דורכן קויפן עליות, און געבן צו לייסטן פאר החזקת בית המדרש, און נאר אדאנק זיי קענען די שטעטלישע איינוואוינער האבן אגאנץ יאר צום לעבן, דעריבער דארף מען דאווענען זייער נוסח. אבער די תושבים האבן בשום אופן נישט מסכים געווען, זאגנדיג אז זיי זענען די בעלי בתים אויפן בית המדרש, און דא דאווענט מען נוסח ספרד.

איין יאר איז אהין אנגעקומען דער רבן של ישראל **הגאון רבי יוסף שאול נאטאנזאהן זי"ע בעל שואל ומשיב**. פרייטאג צונאכטס ווען מ'האט אנגעהויבן דאווענען און דער שליח ציבור האט געזאגט: '**ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה**', האט זיך תיכף אנגעהויבן א טומל, ווען די אורחים האבן פרובירט אפצושטילן דעם בעל תפילה, אבער דער גאון האט געוויזן פארן ציבור אז מען זאל נישט מוחה זיין און מען זאל עס לאזן.

ווען מען איז אנגעקומען צו 'במה מדליקין', און נישט בלויז וואס דער בעל תפילה האט עס נישט געזאגט, נאר ער האט נאך אנגעהויבן זאגן 'כגוונא', האט זיך ווידער אנגעהויבן א מהומה, און נאכאמאל האט דער לעמבערגער רב אפגעשטילט די מהומה, און געלאזט די חסידים ממשיך זיין.

נאכן דאווענען האט דער גאון יעדן איינגעלאדנט צו קידוש, און נאכן זיי מכבד זיין צו עסן האט ער געזאגט - איך וועל זאגן **א חסיד'ישע תורה**: עטס זאלסט וויסן טייערע ברידער, אז דער שטן קען נישט צוקוקן ווי מען דאווענט, וועגן דעם דרייט ער אָן א מחלוקה, און הייסט פאר איין זייט זאגן '**במה מדליקין**' - אנצוצינדן אן אש המחלוקת, און פאר אנדערע הייסט ער זאגן '**כגוונא דאינון מתייחדין**' - זיי צו מייחד זיין אין א מחלוקה, אבער אונזער האפענונג און בקשה איז, אז עס זאל שוין זיין '**ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה**', און דעמאלסט וועט מען זען ווער עס איז גערעכט, צי מ'זאל זאגן במה מדליקין אויפצופלאמען מיט א פייער לכבוד שבת, אדער כגוונא און זיך מייחד זיין מיט קודשא בריך הוא.

נאכדעם האט ער צוגעענדיגט: יעצט וועל איך זאגן להלכה, די בני אשכנז וואס זענען דא זאלן זאגן שטיל במה מדליקין בשעת די חסידים זאגן כגוונא, און די זעלבע אויב וועלן אידן פון סקאליע קומען קיין לעמבערג, זאלן זיי זאגן שטיל כגוונא בשעת מיר זאגן במה מדליקין. און אויב ח"ו איינער פון די אשכנזים וועלן דא זאגן כגוונא, אדער איינער פון די בני סקאליע וועלן נכשל ווערן און זאגן ביי אונז במה מדליקין נעם איך דעם עונש אויף מיר...

הגה"צ רבי **חיים יעקב רובין** שליט"א, אב"ד ציעשנוב ב"פ

# דער באַשעפער וויל אַ קשר מיט יעדן איד

עס איז באקאנט די קשיא וואס קומט נאך פון די ראשונים: דער אויבערשטער ווייסט דאך ממילא וואס מיר דארפן; פארוואס דארפן מיר דאווענען צו אים און זאגן אונזערע בקשות?!

שטייט אין מדרש: אידישע קינדער זענען געשטאנען ביים ים סוף, זיי זענען געשטאנען אין א קלעם, וואס טוט מען דא? פון איין זייט שטייט דער ים סוף, מ'וועט דערטראנקען ווערן, פון די אנדערע זייט קומען די מצריים. מ'איז ממש פארלוירן. וואס טוט מען? **וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל ה'!** אידישע קינדער האבן געשריגן צום אויבערשטן.

זאגט דער מדרש א משל: עס איז געווען א מלך וואס האט געהאט א בת יחידה וועם ער האט זייער ליב געהאט. ער האט מורא'דיג הנאה געהאט צו הערן איר קול. זי איז אבער געווען א שטילע, זי פלעגט נישט אזויפיל רעדן.

דער קעניג האט אבער יא געוואלט הערן איר קול, וואס טוט מען? האט דער מלך געלאזט וויסן פאר די גאנצע שטאט, אז די גאנצע פאלק זאל ארויסקומען צו א גרויסן פארק. יעדער איז אנגעקומען, און נאר די בת יחידה איז געבליבן אינדערהיים. האט דער מלך געהייסן די באדינער זיי זאלן זיך פארשטעלן ווי רויבערס, און אנפאלן זיין טאכטער.

די חברה האבן אריינגעבראכן אין קעניג'ס הויז, און זי אנגעהויבן שרייען: "טאטע!!!" דער לשון המדרש איז **'אבא, אבא, הצילנו!' טאטע, ראטעווע מיר!**

זאגט דער מלך: "אה, כ'האב מיר מחי' געווען! כ'האב געהערט מיין טאכטער'ס קול". און דער טאטע האט געזאגט צום קינד: "קינד לעבן, ווען איך וואלט נישט געמאכט דעם שפיל, וואלט איך נישט געהערט דיין קול".

פירט אויס דער מדרש: אידישע קינדער זענען געווען אין מצרים, מ'האט זיי געפייניגט און געשלאגן, גע'שחט'ן קליינע קינדערלעך, עס איז געווען **וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים**. אבער דער אויבערשטער האט געוואלט נאכאמאל הערן די זיסע שטימע, האט ער געזאגט פאר פרעה, גיי לויף זיי נאך, וועלן זיי זיך דערשרעקן, וועלן זיי נאכאמאל שרייען.

מיר מיינען אז וויבאלד מיר האבן א פראבלעם דארפן מיר דאווענען צום באשעפער. פון דעם מדרש זעט מען אז עס איז פונקט פארקערט: דער באשעפער וויל אז דו זאלסט דאווענען, שיקט ער דיר א פראבלעם, כדי דו זאלסט דאווענען, ווייל דער אויבערשטער גלוסט צו הערן די תפילות פון אידישע קינדער.

דער אויבערשטער האט ליב אידישע קינדער, ער וויל האבן א קשר מיט אידישע קינדער, ממילא וויל ער אז מיר זאלן רעדן צו אים. רעדן צום אויבערשטן מיינט, בעטן און דאנקען.

## רעדן צום אויבערשטן דורך 'בעטן און דאנקען'

**וואס** הייסט דער אויבערשטער וויל האבן א קשר? דער אויבערשטער וויל אז יעדער איד זאל אנערקענען אז איך בין אנגעוויזן אויפן אויבערשטן, קיינער קען מיר נישט העלפן, נאר דער רבוש"ע. שיקט אים דער אויבערשטער א פראבלעם, און מ'רעדט צו אים: "רבוש"ע העלף מיר, מיין קינד איז נישט געזונט; העלף מיר, איך דארף א שידוך טון; העלף מיר מיט פרנסה". ווען דער אויבערשטער העלפט רעדט מען ווייטער צו אים: "רבוש"ע איך דאנק דיר אז דו האסט מיר געהאלפן".

**דער באשעפער וויל אז מיר זאל האבן א קשר מיט אים, וועגן דעם בעט ער ביי אונז: דאווענט פאר מיר יעדן טאג, אז דו האסט א פראבלעם, בעט מיר, און איך וועל דיר העלפן.**

## תפילה העלפט אלעמאל

**איינמאל** מיר ווייסן שוין פארוואס דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן דאווענען, שטעלט זיך די שאלה: וואס איז דער כח פון תפילה? ווי ווייט קען תפילה אויפטון?

איז כדאי נאכצוזאגן א מורא'דיג ווארט: ווען די ברידער האבן פארקויפט יוסף הצדיק קיין מצרים, האבן זיי דאך געוואוסט אז דער טאטע וועט פרעגן: וואו איז יוסף? וואס האבן די ברידער געטון?! **'וַיִּשְׁחֲטוּ שְׂעִיר עִזִּים וַיִּטְבְּלוּ אֶת הַכֻּתֹּנֶת בַּדָּם'** - זיי האבן איינגעטונקען זיין העמד אין די בלוט פון א ציגעלע. זאגט **רש"י הק'** - ווייל די בלוט פון א ציגעלע איז ענליך צו די בלוט פון א מענטש. מען איז אהיימגעקומען צו יעקב אבינו און געזאגט: **'הַכֶּר נָא הַכְּתֹנֶת בִּנְךָ הִוא?'** און יעקב אבינו האט אנגעהויבן שרייען: **'חַיָּה רָעָה אֲכָלָתְהוּ טָרֹף טֹרַף יוֹסֵף'.**

שטייט פון פריערדיגע צדיקים: פארוואס האט אויסגעפעלט פאר די שבטים צו מאכן א גאנצע שפיל מיטן העמדעל?! זיי האבן געדארפט אהיימקומען און זאגן: "טאטע, יוסף איז פארלוירן געווארן". עס וועט אדורכגיין איין טאג, צוויי טאג, דריי טאג, א וואך-צוויי, ער וועט נישט אהיימקומען, וועט ער זען אז ער איז געשטארבן, ער איז מער נישט דא. וואס האט אויסגעפעלט מ'זאל מאכן א גאנצע מעשה, אז יעקב זאל מיינען אז א חי' רעה האט אים פארציקט?

דער הסבר איז: יעקב אבינו האט געהאט בטחון אינעם אויבערשטן; ער האט שטענדיג מתפלל געווען פארן אויבערשטן. די גמרא זאגט אין מסכת ברכות: **'אפילו חרב חדה מונחת על צאוורו של אדם'** - שטייט א רויבער מיט אן אויסגעשליפענעם שווערד, און ער האט שוין ארויפגעלייגט דעם שווערד אויפן האלז, אין איין רגע ח"ו גיבט ער א שנייד אדורך, קיינער קען אים פון דעם נישט ראטעווען. זאל ער אויפגעבן? ניין! **'אל יתייאש עצמו מן הרחמים'**. דער באשעפער איז א כל יכול, קיינער קען דיר נישט העלפן, אבער דו שריי און בעט ביים רבוש"ע: "רבוש"ע, ראטעווע מיר!" און דער באשעפער קען העלפן אפילו אין אזא מצב.

די שבטי קה האבן געוואוסט, אז אויב זיי וועלן אהיימקומען און זאגן: "יוסף איז נעלם געווארן, זעט אויס ער איז געשטארבן". וואלט יעקב אבינו געזאגט: "אזוי זעט אויס?! מען דארף בעטן ביים אויבערשטן, איך האב בטחון, אל יתייאש אדם מן הרחמים, איך גיי דאווענען!"

**די שבטים האבן געוואוסט אז ווען יעקב אבינו בעט, וועט אים דער אויבערשטער העלפן, יוסף וועט אהיימקומען.** מען קען אים האבן פארקויפט צו אראבער, ער איז שוין אין מצרים, אבער אז יעקב אבינו וועט זיך אוועקשטעלן בעטן: "רבוש"ע, יוסף זאל שוין אהיימקומען", וועט ער אהיימקומען, און אז ער וועט אהיימקומען וועט ער דאך פארציילן אז די ברידער האבן אים פארקויפט, טויג דאך נישט, דארף מען זוכן אן עצה אז יעקב אבינו זאל אויפגעבן, און ער זאל נישט מתפלל זיין.

המשך אויף עמוד ח'

### אַדִּיר וְחָזָק
ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

#### כי אתה שומע תפילת כל פה

**אין** לשום אדם מישראל לייאש א"ע כלל וכלל, ולא יאמר ח"ו אני נפסק מקדושתו ית"ש, שאין אני יכול להתפלל בלא מחשבה זרה וכדומה, שנראה שאין לו דיבור של קדושה שתעלה תפילתו לו ית"ש, לא ייאש עצמו בכ"ז, כי לא ידח ממנו נדח, והטוב כי לא כלו רחמיו וחסדיו, ואומר ית' וחנותי את אשר אחון אע"פ שאינו הגון וכדאי. (זרע קודש, וארא)

### וַיַּשְׁמִיעֵנוּ
ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

#### להעמיד כיור בבית הכנסת

**מנהג** יפה שראוי לקיימו, כפי מה שראיתי בבית הכנסת הגדול שבעיר הקודש ירושלים ת"ו, ובאיזה בתי כנסיות בחוץ לארץ, דיש להם כעין כיור מלא מים, כדי שקודם כניסתם לבית הכנסת ירחצו ידיהם תמיד קודם תפילה, כעין מה שמצינו הכיור בבית המקדש, ותפילתינו הוא במקום עבודה והקטורת... עכ"פ ירחצו ידיהם כל בני ישראל קודם ביאתם לבית המדרש. (משנת חכמים, אות רכב)

## עבודת התפילה
### אצל הרה"ק
# חיים מאיר יחיאל ממאָגלניצא
### זיעועכי"א
### נפטר ט"ו אייר תר"ט

## מתולדותיו

**הרה"ק** רבי חיים מאיר יחיאל זי"ע דער 'שרף' פון מאָגלניצא איז געבוירן אין שנת תקמ"ט בערך, צו זיין פאָטער הרה"ק רבי אבי עזרא זעליג שפירא זצ"ל אב"ד גרעניץ, און צו זיין מוטער די באַרימטע רביצין, הצדיקת מרת פערל ע"ה, אַ טאָכטער פון הייליגן קאָזניצער מגיד זי"ע.

כשהגיע לפרקו האָט דער מאָגלניצער רבי חתונה געהאַט מיט הרבנית הצדיקת מרת חיה שרה ע"ה, די טאָכטער פון הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע, זון פון הייליגן רבי'ן רבי אלימלך מליזענסק זי"ע.

## געדאוונט מיטן זיידן

**דער** מאָגלניצער האָט דערציילט, אַז ווען ער איז אַלט געווען עלף יאָר, האָט אים אַמאָל דער זיידע גערופן און געזאָגט אַז ער זאָל אַריינקומען פאַרטאָגס לערנען מיט אים קבלה. ער האָט אָבער נישט אַזוי געטון, נאָר ער איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָגס, און איז אַליין געגאַנגען לערנען און דינען השי"ת, וועלנדיג משיג זיין השגות מיט זיין אייגענע עבודה.

אַ צייט שפּעטער האָט אים דער זיידע ווידער אַריינגערופן און געזאָגט: אַזוי טוסטו מיט מיר? איך האָב געמיינט אַז דו האָסט נאָכנישט קיין כח אויפצושטיין אַזוי פרי, האָב איך דיר נישט געוואָלט אויפוועקן, אָבער יעצט האָב איך זיך דערוואוסט אַז דו שטייסט אויף אַזוי פרי און דו קומסט נישט צו מיר?

האָט דער זיידע פאַרשטאַנען אַז ער וויל דוקא לערנען אַליין, האָט ער אים געזאָגט: מיין קינד, זאָלסט זיין ביי מיין דאַווענען יעדן טאָג, וועל איך דיר ממציא זיין הייליגע מוחין.

דער מאָגלניצער האָט דערציילט, אַז זינט דעמאָלס האָט ער טאַקע אָנגעהויבן דאַווענען יעדן טאָג מיטן זיידן, און ער האָט געשפּירט ווי ער איז אים ממציא מוחין און גרויסע השגות.

אָבער דער הייליגער מאָגלניצער האָט נישט געוואָלט באַקומען קיין השגות אויף וועלכע ער האָט נישט אַליין געאַרבעט, פלעגט ער זיין אין בית המדרש נאָר ביים אָנפאַנג און ביים ענדע פון דאַווענען, אָבער אינצווישן איז ער אַרויס פון בית המדרש.

## גארנישט געשפירט

**צום** הייליגן מאָגלניצער זי"ע איז אַמאָל געקומען אַ באַרימטער חסיד מגדולי החסידים ביי הגה"ק רבי יעקב לייב מקאָוולא, דער צווייטער זון פון הרה"ק רבי מרדכי'לע נעשכיזער זי"ע. דאָס איז שוין געווען נאָך דאס הסתלקות פונעם קאָוולער רב זי"ע, האָט ער דערציילט אַז זיין רבי דער קאָוולער רב, האָט אים אַמאָל געפרעגט: וואָס הערט זיך אין פּוילן? האָט ער געזאָגט אַז מען דערציילט גרויסע זאַכן פון אַ צדיק וואָס וואוינט אין מאָגלניצא, אַן אייניקל פונעם קאָזניצער מגיד.

האָט אים דער קאָוולער רב דערציילט, אַז בשעת ער איז אַמאָל געווען ביים מגיד אין קאָזניץ, האָט דער מגיד זיך שטאַרק באַרימט מיט זיין אייניקל און אים געזאָגט: ווען דער מאגלניצער איז אַלט געווען זיבן יאָר, איז ער געשטאַנען און געדאַווענט קעגן אים, פון די וואַנט האָט זיך אַרויסגעשטעקט אַ טשוואָק, און צוליב זיין שאָקלען זיך ביים דאַווענען האָט דער טשוואָק אַריינגעשטאָכן אין זיין שטערן, און ס'האָט פון אים געגאָסן בלוט אויפן פנים, דאָך האָט ער גאָרנישט געשפּירט צוליב זיין דביקות ביים דאַווענען.

## געלאפן צום דאווענען

**דער** שָׂרָף פון מאגלניצא איז געווען א שוואכער מענטש בטבע, אזויווי זיין זיידע דער קאזניצער מגיד זי"ע, און האט קוים געקענט גיין אויף זיינע אייגענע פיס. אבער ווי נאר ער פלעגט אנקומען אין בית המדרש, האט ער זיך פלוצלינג געשטארקט ווי א לייב, און זיך גענומען לויפן צום דאווענען, מיט א התלהבות וואס איז געווען ממש חוץ לדרך הטבע.

## צוריקגעגעבן דעם רעדל

**דער שָׂרָף פון מאגלניצא זי"ע** פלעגט מאכן גרויסע הכנות איידער ער האט זיך געשטעלט דאווענען שחרית, און טיילמאל האט זיין עבודה געדויערט א לענגערע צייט, אז ער פלעגט שיקן זאגן פארן ציבור אז מ'זאל זיך שטעלן דאווענען אָן אים, ווייל ער איז נאכנישט גרייט.

האט פאסירט אמאל ווען דער צדיק האט זיך געגרייט צום דאווענען, ער איז געווען פארטיפט אין זיין עבודה, און האט שוין עטליכע מאל פרובירט זיך צו שטעלן דאווענען, אבער ס'איז נישט געגאנגען. זיין תלמיד **הגאון החסיד רבי יעקב יצחק – שפעטער דער רב פון סאבין – זצ"ל** איז געזעסן אינעם דרויסנדיגן צימער, און ער זעט ווי דער צדיק דרייט זיך אהין און צוריק שטארק פארטראכט, און האט שוין עטליכע מאל געלייגט זיין טלית אויפן אקסל אנצוהייבן צו לייגן טלית ותפילין, אבער תיכף צוריקגעלייגט דעם טלית אויפן טיש. מ'האט געקענט זען בחוש אז עפעס שטערט פארן רבי'ן און לאזט אים נישט דאווענען. ווען פלוצלינג גיבט זיך דער צדיק א שטעל אפ, ער קומט ארויס צום דרויסנדיגן צימער, און ער פרעגט אויב דער משמש ישראל איז דא געווען. ווען מ'האט אים געזאגט אז דער משמש איז נאכנישט דא געווען, האט דער מאגלניצער געבעטן פון זיין תלמיד רבי יעקב יצחק ער זאל לויפן שנעל און רופן דעם משמש ישראל.

ווען ישראל דער משמש איז געקומען צו גיין, פרעגט אים דער רבי, זאג נאר ישראל, דו געדענקסט עטליכע וואכן צוריק ווען מיר זענען געווען אונטערוועגנס, ס'האט זיך צעבראכן איין רעדל פון אונזער וואגן, און דאן האבן מיר געבארגט א רעדל פון א געוויסער דאָרפס-איד, א מילכיגער, וואס טראגט ארום מילך צו פארקויפן, צי דען האסטו אים שוין צוריקגעגעבן דאס רעדל וואס מיר האבן דעמאלס געבארגט?

דער משמש זאגט אז ניין, מ'האט נאך דאס רעדל נישט אפגעגעבן פארן איד, ס'ליגט נאך דא אין הויף. "אייל זיך צו שנעל", זאגט אים דער צדיק, "דינג א וואָגן, און לאז זיך ארויס צום נאנטן דארף מיטן רעדל, עס צוריקצוגעבן פארן בעל הבית". אומר ועושה, ישראל דער משמש לאזט זיך תיכף ומיד ארויס צוריקצוקערן דאס רעדל פארן איד, און דער מאגלניצער צדיק שטעלט זיך דאווענען מיט א צופרידנקייט.

ווען דער משמש איז צוריקגעקומען פונעם דארף, האט ער דערציילט פאר די ארומיגע, אז פונקט היינט האט זיך צעבראכן א רעדל פונעם מילכיגער'ס וואגן, און ער האט בשום אופן נישט געקענט שאפן א נייעם רעדל ביי זיך אין דארף, אזוי ארום אז ער האט כמעט שאָדן געהאט זיין גאנצע מילך, נישט קענענדיג אריינפאָרן אין שטאט צו פארקויפן די מילך. דער צדיק האט מרגיש געווען עפעס א פְּגַם ביי זיך וואס לאזט אים נישט דאווענען, ביז ער האט זיך דערמאנט פונעם געבאָרגטן רעדל וואס מ'האט נאכנישט צוריקגעגעבן פארן איד. און נאר נאכדעם וואס ער האט אפגעשיקט דאס רעדל - וואס איז אנגעקומען פונקט אין די גוטע צייט - האט ער געקענט דאווענען פארן אויבערשטער.

## מִשָּׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

### עלינו לשבח אינמיטן דאווענען

**שאלה: עס מאכט זיך אמאל אז בשעת ווען איך האלט נאך ביי 'אשרי ובא לציון' אדער די 'יום, האלט שוין דער ציבור ביי 'עלינו', צי דארף מען מפסיק זיין און מיטזאגן עלינו, אדער מען קען ווייטער ממשיך וואו מען האלט און נאכן ענדיגן זאגן עלינו.**

**תשובה:** אויב מען האלט אינמיטן דאווענען דארף מען נישט מפסיק זיין צו מיטזאגן עלינו, בפרט וואס אונזער מנהג איז בדווקא צו זאגן עלינו נאך די יום און קוה וכו'. אויב מען האט זיך יא אפגעשטעלט צו מיטזאגן עלינו, דארף מען נישט נאכאמאל איבערזאגן עלינו ביים סוף דאווענען.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן 2#

הָבוּ לַה׳ בְּנֵי אֵ-לִים הָבוּ לַה׳ כָּבוֹד וָעֹז

# דרשת חינוך בית המדרש

טרם קריאת התורה, ביום א׳ דחג הפסח העעל״ט

לפני הארון הקודש בתוככי המגדל האדיר והמפואר

**בית מקדש מעט • מרכז התורה ׳אור חיים׳**

שנבנה בתכלית החן והיופי ברוב פאר והדר בעיר וויליאמסבורג יצ״ו

מתוך רגשי שמחה והוד ע״י הבונה והמקים הטפסר המרומם

**הרב יואל לאנדא שליט״א**

**פטרון מפעלינו הכביר ״קרן תוספות יום טוב״ העולמי**

## קול אומרים הודו ד׳ צבא-ות

**ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה**. אויף די **הוראה פונעם פשעווארסקער רבי׳ן זאל זיין געזונט**, גרייט מען זיך בעז״ה דא צו מאכן דעם שהחיינו בשם ומלכות ברוב עם בשעת קריאת התורה, צו געבן א שבח והודי׳ צום אויבערשטן אז מ׳איז זוכה היינט מחנך צו זיין דעם בית מקדש מעט בשעה טובה ומצלחת.

## תכלית ותועלת של בנין בית המדרש

מורי ורבותי, ס׳איז נישט קיין צייט יעצט פאר קיין דרשה, כ׳וויל נאר ממש אפאר ווערטער, פשוט ארויסצוברענגען דעם ציל פון א ביהמ״ד, דעם תכלית פון בויען א בית מקדש מעט, און די מטרה פארוואס אידישע קינדער קומען זיך צאם אין א ביהמ״ד.

**נעכטן נאכט, האט א איד מיך אפגעשטעלט און געפרעגט, צי ס׳איז אויסגעהאלטן אריינצולייגן אזויפיל געלט אויפצובויען א שיין גרויס ביהמ״ד.** וואלט ווען נישט געווען ענדערש כדאי אויסצוטיילן די געלטער פאר אידן, אלמנות ויתומים און אנדערע נצרכים? און נאך מער פון דעם: לכאורה היינטיגע צייטן אז ס׳איז ליידער נישט דא קיין בית המקדש, וואס פעלט נאך אויס אז א ביהמ״ד זאל זיין אזוי שיין?

## לשון המחבר: חוטא וגדול עוונו מנשוא

כ׳האב מיר מתבונן געווען, דער מחבר שרייבט אין שולחן ערוך הלכות בית הכנסת (או״ח סימן קכ״ד) אז ווען א איד רעדט שיחת חולין בשעת דאווענען ״הוא חוטא **וגדול עוונו מנשוא** וגוערים בו״.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דער מחבר כאפט אן אזא שארפער לשון. מ׳זעט נישט נאך אזא לשון אין ערגעץ, ביי קיין שום זאך, **נאר איינמאל אין די תורה, ביי ׳קין והבל׳**, ווען קין האט גע׳הארגעט די האלבע וועלט. און אויב אזוי ווי קומט אזא שארפער לשון וואס מ׳ניצט אויף רציחה, צו ניצן פאר דעם ענין פון רעדן ביים דאווענען, ווען איינער רעדט פריוואט מיט זיין חבר?

## סכותה בענן מעבור תפלה: עיכוב התפילות

מ׳קען עס מסביר זיין אפשר, מיט די פחד׳יגע ווערטער פון הייליגן קאזניצער מגיד זי״ע אין **עבודת ישראל** (פרקי אבות פ״ה), אז **ווען איין איד רעדט ביים דאווענען מיט זיין חבר דברים בטלים, שטופט ער אוועק כביכול די שכינה פון בית המדרש.** ס׳איז ממש ווי ער וואלט געזאגט ״יעצט וויל איך שמועסן מיינע ענינים, און איך וויל נישט רעדן מיט דיר״.

ער זאגט דארט אז ס׳איז אזוי הארב, אז **אפילו די איבריגע אידן אין דעם ביהמ״ד וואס דאווענען יא בכוונה שטערט זיין רעדן זייערע תפילות פון ווערן נתקבל אין הימל!**

דער **רבי ר׳ יונתן אייבשיץ זצ״ל** אין יערות דבש (חלק א דרוש ד׳) זאגט אויך אזעלכע ווערטער אז דער פסוק אין איכה (ג, מד) זאגט ״**סכותה בענן לך מעבור תפלה**״, זאגט ער ״**ומה הוא הענן, שיחה בטילה בעת תפלה**״, עס ווערט צאמגענומען א דיקע וואלקן פון

די אלע לופט דורך שלעכטע דיבורים פון שמועסן ביים דאווענען, און דאס האלט אפ די תפילות פון ארויפגיין. עס ווערט ח"ו א מחיצה.

דער נודע ביהודא זאגט (דרושי הצל"ח דרוש ד' לשבת שובה) נאך שארפער, אז ס'איז "**כאילו העמיד צלם בהיכל**", ווי א מענטש לייגט אריין א צלם אינעם היכל ח"ו, דורכ'ן **אריינברענגען משחיתים און מזיקים אינעם בית המדרש**, און ער נוצט א שארפע לשון אז סאיז "**מורד במלכות שמים**" (דרוש ל"ג).

## דהוה לי' כעובד עבודה זרה

כ'האב היינט צופרי געזען אין **דרשות חתם סופר** (ח"ב שט ע"ד, דרשה לז' אב תקס"ב) א פחד פון א לשון, ער זאגט אז אויב איז מען נוהג כבוד אין א ביהמ"ד און מ'שמועסט נישט קיין דברים בטלים, דעמאלט **באקומט דער ביהמ"ד א קדושת ארץ ישראל** און אלע תפלות ווערן נתקבל אין הימל.

זאגט ער אבער אז אויב ח"ו מ'רעדט דברים בטלים אין ביהמ"ד, **ווערט פונעם הבל הדברים בטלים באשאפן א טומאה, און דער שר של חוץ לארץ ווערט בעה"ב אין ביהמ"ד, און ער נעמט אלע תפלות און גיט עס איבער פאר די חיצונים**, ר"ל, און דער חטא דערפון איז אזוי גרויס אז "**והוה לי' כעובד עבודה זרה**"!

## הוראת צדיק: לעמוד על המשמר למען כבוד בית ה'

קומט אויס אפילו אויב נאר איין איד אין שול שמועסט ביים דאווענען מיט זיין חבר, טוט ער ח"ו גורם זיין אז **אלע תפילות פון די אנדערע אידן וואס קומען אין ביהמ"ד זיך אויסגיסן דאס הארץ פאר'ן באשעפער און זיי ווילן זיך אויסבעטן ישועות און רפואות**, גייט נישט ארויף אין הימל און אלעס גייט לאיבוד ח"ו.

מיין זיידע זאל זיין געזונט (הרב החסיד הישיש **הרב חיים יחזקאל שטיין** שליט"א), וואס מיר האבן די זכי' אז ער דאווענט דא יעצט מיט אונז, האט מיר היינט צופרי דערציילט, אז ער געדענקט נאך פון יאר תשכ"ג **ווען דער רבי זי"ע האט ממנה געווען גבאים פון מורא מקדש, וואס זיי זאלן זיין עומד אויף דעם** אז קיינער זאל נישט רעדן ביים דאווענען אין ביהמ"ד.

## עשירות לבני ישראל בזכות קדושת בית ה'

מ'זאגט נאך פון הרה"ק רבי **ישראל מטשארטקוב** זצ"ל אז די סיבה פארוואס אידן אין דייטשלאנד בימים ההם **זענען געשטאנען אין א בעסערע מצב הפרנסה און זיי האבן געהאט עשירות**, ווייל זיי האבן שטארק מקפיד געווען אין כבוד בית המדרש נישט צו שמועסן אינמיטן דאווענען. (מדברנא דאומתיה, ח"א עמוד קכב)

און אזוי פסק'נט להלכה הגאון ר' נתן געשטעטנער זצ"ל אז רעדן אינמיטן דאווענען איז נישט נאר גזל תפילה, **נאר עס איז ממש גזל ממון** (ספר מקדש מעט לבעל להורות נתן). ווייל אז אידן קומען דאווענען בעטן בקשות, און אז ח"ו דו שמועסט האסטו געגנב'ט יענעמס געלט, יענער קען נישט באקומען קיין שפע!

מיט דעם קען מען פארשטיין פארוואס דער חיי אדם (ח"א כלל יז סעיף ה) פסק'נט אז אויב מ'ווייסט אז מ'וועט נישט קענען צוריקהאלטן פון שמועסן אין ביהמ"ד, **זאל מען ענדערש דאווענען אינדערהיים**. ווייל אויב קומט מען אין ביהמ"ד און מ'רעדט מאכט מען פשוט שאדן פאר די אנדערע אידן וואס ווילן דאווענען און באקומען השפעות.

## מטרת ביהמ"ד – תכלית הבריאה: מקום שיתקבצו ויודו לא-ל!

מ'טאר דאך נישט פארגעסן די עיקר מטרה, דער אמת'ער ציל פון יעדע ביהמ"ד איז איין זאך: דער תכלית הבריאה! נאר פאר דעם איין צוועק, נישט פאר קיין שום חסידות, אדער א געגנט, ס'נישט עפעס וואס האט מיט א קהלה, א יארגאנג וכדומה. אלעס קען טאקע זיין פיין און וואויל און חשוב, אבער דער ריכטיגער ציל דאס וועגט אלעס איבער, אז **א בית המדרש זאל ברענגען 'כבוד שמים'**, אזוי ווי דער הייליגער רמב"ן זאגט אין פרשת בא, אז דער גאנצער ציל פון א ביהמ"ד איז די תכלית הבריאה

זיין לשון דארט איז א פחד, אז דער באשעפער האט באשאפן די גאנצע בריאה, נאר פאר דעם, "**היא כוונת היצירה - שידע האדם ויודה לאלקיו שבראו**", דער תכלית הבריאה איז, אז דער מענטש זאל וויסן און דאנקען דעם אייבערשטן, און פאר דעם דארף מען א בית המדרש, אז אונז אידן זאלן האבן א פלאץ זיך צוזאמקומען און דאנקען דעם רבוש"ע, ווי דער לשון הרמב"ן איז: "**מקום שיתקבצו ויודו לא-ל שבראם והמציאם ויפרסמו זה ויאמרו לפניו בריותך אנחנו**", און דאס איז די מטרה פארוואס דער רבוש"ע האט באשאפן די וועלט.

קומט דאך אויס, אז **אויב איינער קומט אין ביהמ"ד און רעדט ביים דאווענען, בשעת אידן זענען ממלא דעם תכלית הבריאה, מאכט ער פשוט א חוכא ואטלולא פון די גאנצע זאך**, חס וחלילה.

## מדה טובה מרובה: והריקותי לכם ברכה עד בלי די

און פאר דעם איז עס אזוי הארב אז "**גדול עוונו מנשוא**", ממש אזוי ווי קין וואס האט חרוב געמאכט א האלבע וועלט, ווייל ער נעמט חלילה אוועק פונעם תכלית הבריאה און ער שטערט אלע השפעות וואס אידישע קינדער דארפן אראפקומען. ח"ו.

איז פארשטייט זיך אז **מדה טובה מרובה**, אז ווען אונז געבן אכטונג און מ'רעדט נישט ביים דאווענען, עפענען זיך אלע טויערן אין הימל און **מ'ברענגט אראפ אלע השפעות טובות מיט עשירות און אלעס וואס אידישע קינדער דארפן.**

## רצונינו לעשות רצוניך: כל אחד יאמר אני נקראתי

ברוך ה' אז מ'קוקט זיך אום דא אין ביהמ"ד, מ'זעט ב"ה אן ערנסטער ציבור, אידן וואס ווילן טאקע דאווענען צום אייבערשטן מיט א ריכטיגער מורא מקדש און נישט רעדן בשעת התפלה וקריאת התורה, ממילא פעלט זיך נישט אויס אז מ'זאל יעצט ממנה זיין ספעציעלע גבאים און ממונים.

אבער דאך, אויסרייסן א סעיף פון שולחן ערוך קען מען נישט, זאל טאקע יעדער מקיים זיין דעם 'גוערין בו' אויף זיין אייגענע יצר הרע... און מאכן זיכער אז מ'איז עומד אויף דעם ביי זיך אליין. **יעדער פאר זיך וועט זיך אומקוקן אויף זיך און אויף די טישן ארום אים, צו מאכן זיכער אז מ'היט אפ דעם מורא מקדש ווי עס שטייט און שו"ע.**

## ובהיכלו כולו אומר כבוד: אין זה כי אם בית אלקים

און אז אונז וועל מיר האבן די זכי', אז אין דעם בית המדרש וועט מען נזהר זיין נישט צו מבטל זיין די תפלות פון אנדערע אידן, וועלן דאך אוודאי אלע אונזערע תפלות ארויפגיין אין הימל, און **ס'וועט אי"ה ברענגען עשירות מיט שפע און ברכות פאר יעדן איינעם**, אזוי וועט אויסקומען אז ס'וועט מער נישט זיין די אלע צוועקן און צרות ביי אידישע קינדער.

איז דאס טאקע די סיבה, **פאר דעם טאקע דארף מען צושטעלן שיינע גרויסע בתי מדרשים, וואס ברענגט אז יעדער זיך מתבונן זיין אינעם חשיבות פונעם בית מדרש**, **יעדער זאל זיך כאפן "אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים"**, א ביהמ"ד איז א פלאץ פון השראת השכינה, און מ'דארף עס מחשיב זיין מיט כבוד און חס ושלום נישט ארויסטרייבן די שכינה הקדושה פון דא, און אזוי וועט אי"ה יעדער האבן אלע השפעות טובות.

## ויחולו עליו כל הברכות ויזכה לראות בנים חיים וקיימים

אונז האף מיר אלע, אז אין זכות וואס מ'וועט אי"ה דאווענען ערליך מיט א כבוד המקום, דא אינעם היכל פונעם תוספות יום טוב זי"ע, וועט יעדער נשפע ווערן מיט אלע גוטע ברכות, ווי מ'זאגט אינעם מי שברך, "**ויחולו עליו כל הברכות ויזכה לראות בנים חיים וקיימים ויגדלם לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ויעבוד את ה' אלקינו תמיד באמת ובתמים**".

מיר זאלן קענען אפהיטן דעם קדושת ארץ ישראל, און **דער ביהמ"ד זאל בקרוב נקבע ווערן צוזאמען מיט אלע בתי מדרשות ובתי כנסיות בארץ ישראל**, בביאת משיח צדקינו מהרה בימינו אמן.

# זֶה לָזֶה

מכתבים • הערות • והארות

## די ׳זייטיגע מעלות׳ פון מיטהאלטן ׳הויכע שמונה עשרה׳!

**לכבוד** מערכת גליון ׳נקדישך׳.

איך האב געפונען אן אינטערעסאנטער שטיקל אין סידור ׳שערי יחזקאל׳ פון הגאון רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ״ל. שטייט דארט אזוי:

**׳המתרגל עצמו בשמיעת חזרת הש״ץ בשימת לב ובמנוחה, יקנה לעצמו בזה מידות ומעלות רבות, ומהן הרגל וריכוז המחשבה, שבלי זה לא היה אפשר בכלל לזכות, ויקנה התלמדות בהכנעה שלא יעשה ככל העולה על רוחו, ועי״ז ילמד להיות סבלן ועניו כי הגאוה מונעת הסבלנות״.**

אין אידיש טייטש:

איינער וואס געוואוינט זיך איין, צוצולייגן הארץ מיט א רואיגקייט ביי חזרת הש״ץ, וועט קונה זיין מידות און אסאך מעלות. איין מעלה איז, דער מעגליכקייט צו קענען קאָנצענטרירן די מחשבה, וואס אנדעם וואלט עס נישט מעגליך געווען צו זוכה זיין!

אויך וועט ער קונה זיין א געוואוינהייט פון הכנעה, אז ער זאל נישט מוזן טון אלעס וואס ער וויל. דורכדעם וועט ער זיך צוגעוואוינען צו זיין א סבלן און אַן עניו, ווייל גאוה שטערט צו סבלנות.

ביז דא איז זיין לשון איבערגעטייטשט ווארט ביי ווארט.

ס׳איז זייער שטארקע און הייליגע ווערטער וואס איז כדאי צו מפרסם זיין, אז דאס מיטהאלטן בכוונה חזרת הש״ץ ברענגט געוואלדיגע מעלות פארן מענטש אויסער דעם געוואלדיגן כח פון ׳תפילה׳!

מ.י.ט.

*

# הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפילה

המשך פון עמוד ב׳

אז איך רעד נישט ביים דאווענען. קיינמאל. קיין איין טאג נישט.

יעצט איז געקומען דאס יאר, תשפ״ה, אנהויב יאר, בערך סוכות צייט, האב איך נאכאמאל באקומען א ביל פון די IRS די זעלבע זאך פון א יאר שפעטער, 2022 אז איך דארף באצאלן זאכן וואס איך האב נישט געטון גוט פון מיינע ארבעטער. דאס מאל איז געווען דער ביל ׳אכט און צוואנציג טויזנט דאלער׳.

איך בין געווען זיכער אז יעצט ווייס איך שוין וואס איך דארף טון... איך מאך א פרישע קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען פאר פערציג טעג און איך גיי ווערן געהאלפן... איך האב פרובירט, אבער ס׳איז לא עלתה בידי. ס׳איז גארנישט געווארן. איך האב ווייטער באקומען בילס. זיי מאָנען אָפּ דאס געלט. וואס טו איך דא?!

האב איך געזען אז דער אויבערשטער דארף עפעס מער פון מיר. איך דארף שוין ארויפגיין א העכערע דרגא!

האב איך אפגעמאכט אז איך גיי מאכן א דאפעלטע קבלה: סיי איך רעד נישט ביים דאווענען פערציג טאָג, און סיי איך גיי לאזן מיין טעלעפאָן אינדרויסן בשעת איך גיי אריין אין ביהמ״ד! ס׳קומט נישט אריין דאָ אינעם בית ה׳. איך דארף נישט זיין ׳קאנעקטעד׳ יעצט צו די גאס, נאר מקושר צום הייליגן באשעפער, און בעסער אינזין האבן דאס דאווענען!

פערציג טעג אריבער. פערציג טעג געצייכנט אין מיין לוח, ביני לבין קוני.

בערך פורים צייט האב איך געענדיגט די פערציג טעג, און איך שטיי און ווארט מיט שפאנונג אז איך זאל שוין באקומען דעם בריוו 000...

איין טאג נאך פורים בין איך אריינגעקומען אין אפיס, און יא, איר האט צוגעטראפן...

א נייער ביל אין די פּאָסט: זעראו, זעראו, זעראו!

איך דארף נישט באצאלן גארנישט. זילטש!

איך האב הארטע באוויזן דערצו. איך האב די ערשטע בריוון און די צווייטע בריוון פון ביידע יארן. איך האב עס געוויזן פאר עטליכע אקאונטענטס – טייל פון זיי וואס האבן עס מיטגעהאלטן - און יעדער איז געווען ערשטוינט פון די מעשה!

ווייל אפילו די IRS קען יא אמאל אמאל ווייניגער מאכן די ביל איז דאס נאר נאך גאר לאנגע פארצויגענע פארהאנדלונגען, מיט טייערע פראפעסיאנאלע מומחים וואס האנדלען מיט זיי, און עס גייט ביטער שווער. אבער ממש אזוי אראפרוקן קאמפלעט צו זעראָ איז פשוט אן אומדערהערטע מציאות!

דאס איז ממש מורא׳דיג מורא׳דיג. איך האב עס געשפירט ביי מיר, ווי דער הייליגער באשעפער ווארט אז מיר זאלן גיין ממדריגה למדריגה, העכער און העכער, און שטייגן כסדר אין עבודת התפילה!

ברוך ה׳ אז ס׳איז אדורך שוין העכער א גאנצער יאר וואס איך רעד שוין נישט ביים דאווענען, און איך יעצט האלט איך שוין אן ווייטער אויך דאס נישט אריינברענגען דעם טעלעפאן אויך נישט. ס׳איז מורא׳דיג ווי דער הייליגער באשעפער זעט אז מ׳דאווענט און מ׳טוט גוט, מ׳וויל זיין ערליך, העלפט דער רבוש״ע און ווייזט זיינע רחמים וחסדים פאר זיינע געטרייע קינדער!

ס׳וועט זיין א גרויסער זכות אז איר לייגט אריין די מעשה. זאלן נאך אידן זען און שפירן דעם גליקליכן טעם פון אמת׳דיגע תפילה, אן קיין טעלעפאן און אן קיין שמועסערייען.

א גרויסן ישר כח.

# מַשְׁמִיעִים קוֹל

מגידים מפורסמים משמיעים קול בגודל כח התפילה וסגולתה

המשך פון עמוד ד׳

זענען זיי אהיימגעקומען מיט א בלוטיגע העמדעל, א חיה האט אים פארציקט, ער איז שוין נישט דא, ממילא איז שוין נישט שייך מתפלל צו זיין.

**זעט מען ווי ווייט תפילה האט א כח. שטייט א איד און וויינט זיך אויס: באשעפער, נאר דו קענסט העלפן, דו ביסט א כל יכול, שיק דעם איד א רפואה שלימה. כל זמן ער איז נישט געשטארבן, און דער איד בעט מיטן גאנצן הארץ, דער אויבערשטער נעמט אן די תפילה.**

נישט דא אזא זאך א איד זאל בעטן א תפילה און ער זאל נישט געהאלפן ווערן, א שווערע זאך און א גרינגע זאך. ביים רבוש״ע איז אלעס גרינג. אלעס וואס ער בעט פון טיפעניש פון הארץ, ענטפערט דער רבוש״ע.

מִי שֶׁבֵּרַךְ שחיבר מרן בעל תוס׳ יו״ט זיע״א

מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה וְאֵיזֶה דִּיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org